# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויחי תשפ"ה שנה י | גליון מס' 564

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

אין די לעצטע מינוטן פון יעקב אבינו'ס לעבן אויף די וועלט האט יעקב אבינו געלאזט רופן זיינע קינדער און פאר יעדן איינעם פון זיי האט ער געגעבן א ברכה "איש אשר כברכתו" (בראשית מט כח). די ברכה וואס ער האט געגעבן פאר נפתלי איז געווען די ברכה פון - "נפתלי אילה שלחה הנתן אמרי שפר" (שם כא).

רש"י אויפ'ן ארט איז מפרש אז דאס גייט ארויף אויף די צייטן ווען כלל ישראל האט מלחמה געהאלטן מיט סיסרא. ביי יענע קריג האבן זיך די בני נפתלי צוגעאיילט און זענען געלאפן ארויסהעלפן די אידישע קינדער אין זייער קריג אזוי ווי 'אילה שלוחה' קעגן די מיליטער פון סיסרא.

ביי יענע קריג איז אויך מקויים געווארן דער המשך וואס עס שטייט אין פסוק 'הנותן אמרי שפר' אז זיי האבן גזינגען שירה פאר הקב"ה אויף די גרויסע נס וואס הקב"ה האט געמאכט מיט זיי.

די יעניגע מלחמה האט זיך אנגעהויבן ווען יבין - דער קעניג פון חצור האט אנגעהויבן מטיל אימה צו זיין אויפ'ן כלל ישראל, אז די אידן האבן מורא געהאט צוגיין וואוינען אין די גאסן און צו וואוינען אין אפענע שטעט. אין יענע צייט האט כלל ישראל תשובה געטון און הקב"ה האט מקבל געווען זייער תשובה און געשיקט א נבואה מיט דבורה הנביאה אז זיי זאלן ארויסגיין אין א קריג מיט יבין און זיי וועלן געווינען די מלחמה.

דער וואונדערליכער זאך פון די שירה איז אז די נצחון פון כלל ישראל איבער די 'חצור' קעניגרייך און זייער גענעראל סיסרא איז זיי געקומען דורך דער כח פון 'אמן'.

די נצחון שטייט ארויסגעשריבן אין די פרשה פון [שופטים ה.ב] וואו דער פסוק שילדערט די געשעעניש. דער לשון הפסוק אויפ'ן ארט איז "בִּפְרֹעַ פְּרָעוֹת בְּיִשְׂרָאֵל בְּהִתְנַדֵּב עָם בָּרֲכוּ ה'" און דער 'תנא דבי אליהו' (רבה פרק יא) ברענגט אראפ דער פסוק און דרשנ'ט אויף איר: "במי נפרע להם הקדוש ברוך הוא לישראל מאומות העולם? בבני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן".

פון דא זעט מען קלאר אז דער זכות וואס איז בייגעשטאנען פאר כלל ישראל אין יענע שווערע צייטן איז דער זכות פון אויפשטיין צופרי און גיין אין שול און ענטפערן אמן, נאר דורך דעם האט כלל ישראל געהאט די כח אונטערצוברענגען די כח פון סיסרא.

מען זעט דא דער כח וואס דער 'אמן' האט און די אחריות וואס מיר האבן פאר דעם און די שמירה וואס עס ברענגט אויפ'ן כלל ישראל.

דער איד דארף אייביג האבן א שמירה עליונה. מיר לעבן אין א דור וואו עס איז אייביג דא סכנות אויף כלל ישראל און דער בעסטער שוץ וואס מיר קענען זיך נעמען איז דער 'אמן' וואס מיר זאגן יעדן טאג.

די כח פון די שירה איז אזוי גרויס אז דבורה הנביאה חזר'ט איבער די ווערטער אין איר שירה און זאגט (שם ט): "לִבִּי לְחוֹקְקֵי יִשְׂרָאֵל הַמִּתְנַדְּבִים בָּעָם בָּרֲכוּ ה'". מיט דער איבערזאגן נאכאמאל געט זי ארויס די כח וואס עס איז דא אין אויפשטיין צופרי און אוועקגעבן צייט פון זיך צו לויבן הקב"ה מיט אן אמן.

בדרך רמז קען מען זאגן אז אויך אין די נבואה פון יעקב אבינו זאגנדיג פאר זיינע קינדער וואס עס גייט זיין איז מרומז די בחינה. אין די ווערטער 'הנותן אמרי שפר' וועלכע ווי געזאגט גייט ארויף אויף די שירה, איז דא א רמז צו 'אמן'. אז מען וועט מדייק זיין דער ווארט "הנותן **אמרי**" וועט מען זען אז צוזאמען מיט דער לעצטער 'נון' פון די ווארט 'הנותן' און די ערשטע צוויי ווערטער פון 'אמרי' איז אמן.

עס קען זיין אז דאס איז א רמז אז דער 'אמן' האט אין זיך א כח, אז עס אין דער כלל פון אמרי שפר.

•

די וואך פון פרשת ויחי, וואו עס איז מרומז די שירה פון דבורה הנביאה, איז אויך די וואך ווען עס געפאלט אויף די צווייטע יארצייט פון מיין מאמע אימי מורתי מרת דבורה ע"ה בת הרה"ח ר' דוב הופמאן הי"ד.

די יארצייט געפאלט אויס י"ז טבת. אויך מיין מאמע ע"ה, ווי דבורה הנביאה האט אייביג משבח געווען און מרומם געווען דער 'אמן'. זי האט מיר אויך אלע די יארן באגלייט און געמוטיגט אנצוגיין מיט די עבודת הק' פון 'בני אמונים'.

זי האט עס באגלייט די אלע יארן און ממש ביז צו די לעצטע מינוט האט זי געמוטיגט אנצוגיין מיט דעם אן אויפהער. איך האב זוכה געווען אז איך בין געווען ביי איר פאר די פטירה און גערעדט מיט איר געציילטע שעה'ן איידער זי איז אוועק פון די וועלט.

מיין מאמע ע"ה איז געווען א 'נאה דורש און א נאה מקיים'. טאג טעגליך האט זי זיך געפירט צו בענטשן די ברכת השחר מיט א געוואלדיגע שמחה און מיט א התרגשות און נישט אנגעהויבן צו זאגן די ברכת השחר נאר ווען זי האט געהאט נעבן איר איינער וואס האט נאכגעזאגט 'אמן' נאך יעדע ברכה.

עס איז אין דעם זכות וואס זי האט זוכה געווען צו אריכות ימים און אויסגעלעבט די יארן בשלוה. די הייליגע חכמים האבן מבטיח געווען אז ווער עס איז זוכה צו ענטפערן 'אמן' אויף די וועלט וועט אויך זוכה זיין צו זאגן 'אמן' בעולם ווי עס איז דער לשון המדרש (תנחומא צו ז): "כל מי שהוא עונה אמן בעולם הזה - זוכה לענות אמן לעולם הבא. מניין? שנאמר (תהילים מא יד): 'בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן' - אמן בעולם הזה ואמן בעולם הבא".

די שירה פון מיין מאמע ע"ה און די - "שירת דבורה" - האט זיך נישט געענדיגט, עס איז ממשיך אייביג, אויך אויף יענע וועלט.

זאל מען זוכה זיין בקרוב צו זען בגאולת ישראל אוון עס זאל שוין זיין תחיית המתים און מען זאל זוכה זיין אז עס זאל מקויים ווערן דער פסוק(תהילים עב יט): "וְיִמָּלֵא כְבוֹדוֹ אֶת כׇּל הָאָרֶץ אָמֵן וְאָמֵן".

**מיט א קריאה פון "בְּהִתְנַדֵּב עָם בָּרֲכוּ ה'"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — א תפילה פאר פרנסה — און א הודאה קעגן די ארון הקודש —

א לופט פון ראש השנה שפירט זיך אין די לופט, גאנץ כלל ישראל איז איינגעהילט אין א ראש השנה'דיגער שטימונג, אויך שוואכע אידן וועלכע דורכאויס די יאר, קומען זיי נישט אריין אין שול, וועלן היינט קומען אין שול און זיך אויסבעטן ביי איר אויף א גוט יאר.

רוב כלל ישראל מאכט זיכער אז ימים טובים זענען זיי אין שטוב, דער יום טוב טעג פראוועט מען מיט די משפחה אבער עס איז אויך אויסנאמען און צווישן זיי ציילט זיך רבי יוחנן בריזל. פאר לאנגע יארן איז רבי יוחנן אקטיוו אין קירוב רחוקים, מיט זיינע

> ”עס איז נאר געווען איין זאך וואס איך האב געקענט טון, איך האב געקענט דאווענען צום באשעפער אז ער זאל מיר העלפן און דאס האב איך געטון”.


די 'מארנא ראשעצקא שול' אין מאסקעווע

אייגענשאפטן און געלונגענע טאלאנטן איז ער מקרב רחוקים און ווייל ראש השנה איז איינס פון די צייטן ווען אידן קומען אין שול אריין - מער ווי געווענליך - נוצט ער אויס די צייט מקרב צו זיין די רחוקים.

יאר יערליך, ווען עס קומט צוגיין דער יום טוב ראש השנה, וועט רבי יוחנן איינפאקן זיין האב און גוטס און זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג ארויס צו ווילן מיט א אידישע קהילה אין אויסלאנד, וואו ער וועט עוסק זיין בקירוב רחוקים און זיין א חלק פון דער דערוועקן די אינערליכע באהאלטענער אידישער פלאם אין דער איד.

מערערע ערטער איז דא איבער די וועלט וואו עס וואוינען אידן און די אידישקייט ביי זיי איז א געמיש פון חולין און טומאה. אין די ערטערווארטן די אידן אז עס זאל קומען צוגיין אידן פונדערווייטענס און אויפפלאמען זייער באהאלטענער פלאם.

רבי יוחנן קען נישט זיין איבעראל אבער ער האט זיך געמאכט א קביעות צו ווילן אין אוקראיינע, וואו עס געפינען זיך אסאך פארווארפענע אידישע נשמות אבער די יאר האט ער געמאכט אן אויסנאם, ער איז נישט געפארן קיין אוקראיינע, נאר קיין רוסלאנד.

אויך אין רוסלאנד איז דא אסאך אידישע קהילות, די רוסישע הויפטשטאט מאסקעווו פארמאגט א גרויסע אידישע קהילה אבער רבי יוחנן איז אריבער צו א זייטיגע אידישע קהילה וועלכע געפינט זיך בשכינות פון די הויפטשטאט, די געגענט ווערט אנגערופן ווענקאוואו.

ווענקאוואו, א קליין שטעטל בשכינות פון מאסקעווע, איז ברייט בארימט ביי די רוסישע בירגער, צוליב די מערערע אונערווערזיטעטן וועלכע געפינען זיך אין איר. מאנכע ווערן אפילו בא'טיטו'לען די שטאט אלץ דער סטודענטן שטאט, ווייל דער מערהייט פון די שטאטישע איינוואוינער זענען סטודענטן.

די סטודענטן ווערן ליבערשט וואוינען דארט, ווייל די רענט אין די שטאט איז היבש ביליגער ווי אין מאסקעווע.

צווישן די סטודענטן איז אויך דא אסאך אידישע סטודענטן, די אידישע סטודענטן זענען ליידער ווי אסאך אנדערע אידן געוואקסן אן קיין שום שייכות צו אידישיקייט. זייערע יוגענד יארן איז אריבער אויף זיי מיט א גוי'אישער ערציאונג, וואקסנדיג אן תורה, אן מצוות.

אגאנצער וואך זענען זיי פארנומען מיט זייערע שטודיעס אבער אן אויסנאם איז דער זונטאג טאג, ווען מען שטודירט נישט, אין דעם טאג ווערן די סטודענטן קומען צוגיין צו די אידישע פראגראמען וועלכע ווערט אראנדזשירט אויפ'ן ארט דורך די לאקאלע קהילה.

יענער יאר איז ראש השנה געפאלן אויף א זונטאג טאג, די סטודענטן זענען געקומען צוגיין צו די שול, אבער דאסמאל האט זיי אפגעווארט א מאסיווע איבערראשונג, זיי האבן געזען פאר זיך א גרויסער ציבור פון אידן וועלכע זענען עוסק און דאווענען מיט א ווארעמקייט זיך אויסבעטנדיג א גוט יאר.

דער ארטיגער רב מיט די הילף פון רבי יוחנן האט זיי געגעבן צו פארשטיין דער באדייט פון דעם היינטיגן טאג, איר גרויסקייט, איר כח, ווי אזוי כלל ישראל בעט זיך אויס אויף א גוטער יאר.

די דאווענען איז אריבער מיט א דערהויבנקייט. מען האט געענדיגט דאס דאווענען און אט האט מען זיך געגרייט צום לייענען. ווי אין יעדן שול האט מען אנגעהויבן פארקויפן די עליות. די שול האט דאך קאסטן און דאס דארף געדעקט ווערן פון ערגעץ און מען האט געהאפט אז עס וועט קענען געדעקט ווערן פון די עליות.

דער רב פון די שול, וועלכע טוט פאר קירוב, וויל שטארק אז אויך די עליות, זאל גענוצט ווערן אויף קירוב און וועגן דעם איז איינגעפירט געווארן א געוויסער סדר. אינדערצייט וואס א טייל פון די עליות וועט פארקויפט ווערן פאר געלט וועט די איבריגע פארקויפט ווערן אין אויסטויש פון קבלות טובות, ווען יעדער איז זיך מקבל אויף זיך א קבלה טובה, וואס ער וועט טון דורכאויס די יאר, איינער וועט נעמען אויף זיך אזויפיל און אזויפיל בלעטער גמרא צו לערנען דורכאויס די יאר, א צווייטער וועט נעמען אויף זיך פרקי משניות און אזוי ווייטער.

דער אויספארקויף איז אריין אין שוואונג. נאך דעם וואס מען האט פארקויפט די עליה'ס אין אויסטויש פון קבלות איז מען אריבער צו פארקויפן די עליות פאר געלט.

צווישן די עליות וואס זענען פארקויפט געווארן פאר געלט האט זיך געציילט די פתיחת הארון פון ליל ראש השנה, ווען מען זאגט דער מזמור 'לדוד מזמור'.

די פתיחה איז געקויפט געווארן דורך אן עלטערער איד, א מיטגליד פון די קהילה.

ווען עס איז אנגעקומען זיין רייע ארויפצוגיין צו די פתיחה האט מען געקענט דערקענען א געריטקייט אויף אים.

רבי יוחנן וועלכע איז שוין באהאוואנט מיט די סארט אידן האט פארשטאנען אז דערונטער פון דער קויפן די פתיחה ליגטא געשיכט'לע און נאך דעם וואס מען האט געענדיגט דער דאווענען האט ער אפגעווארט דעם עלטערער איד און אים געצימבעלט פרעגנדיג וואס איז די געשיכטע פון דער 'פתיחה'.

”הער זיך איין”. האט דער איד אנגעהויבן צו דערציילן א גערירטער.

”מיט צוויי יאר צוריק האב איך באשלאסן אז איך גיי זיך ארייינלאזן אין די עסן ביזנעס, איך גיי עפענען א פאבריק פון עסן. בימים ההם איז נאך אלעס געווען ווי געהעריג און גלייבנדיג אז איך וועל קענען פארדינען פון דעם א שיינער קאפיטעל, האב איך זיך ארייינגעלאזט אין דער געשעפט. קיין געלט צו אינוועסטירן האב איך נישט, אבער זייענדיג אנטשלאסן צו גיין אויף דער ביזנעס האב איך גענומען א הלוואה פון די באנק. דער חשבון איז געווען אז אויב די פאבריק וועט אריינגיין אין שוואונג וועל איך בעזר ה' אין געציילטע מאנאטן דעקן די הלוואה אין באנק. דער באנק האט מיר

<

# פניני אמונים

## פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### די תפילה פון א איד איז ווי שווערדן און פיילבויגן

**"וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אַחַד עַל אַחֶיךָ אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי"** (מח כב)

יעקב אבינו זאגט פאר זיינע קינדער אז ער געט זיי די שטאט שכם און אז ער האט עס צוגענומען פון די אמוראים בחרבי ובקשתי.

די גמרא (ב"ב קכג א) פרעגט שוין די קשיא: "וכי בחרבו ובקשתו לקח?! - צי האט ער עס דען גענומען פון זיי מיט געווער? עס שטייט דאך אין פסוק (תהלים מד ז): 'כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיעני'".

נאר ענטפערט די גמרא אז "'חרבי' - זו תפילה און 'קשתי' - זו בקשה".

מערערע מהלכים איז דא אין די מפרשים איבער די צושטעל פון תפילה צו א חרב און א קשת און מיר וועלן דא ציטירן עטליכע פון זיי:

דער **מהרש"א** אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין אז דער צושטעל איז מרמז אויף די צוויי כוחות אויף וועמען יעקב אבינו האט זיך מתגבר געווען אויף ישמעאל און אויף עשו. ביי ישמעאל טרעפט מען אז ער איז געבענטש געווארן מיט די ברכה פון א קשת ווי די תורה זאגט עדות (בראשית כא ב): "ויהי רבה קשת" און ביי עשו שטייט (שם כז מ): "ועל חרבך תחיה".

א שיינער געדאנק זאגט דער גאון **רבי עזריה פיגו** דער בעל 'גידולי תרומה' - ער זאגט אז עס איז דא צוויי וועגן ווי אזוי מען קען מלחמה האלטן מיט א מענטש. איין סארט קאמף איז וואס מען פירט מיט'ן מענטש פנים אל פנים, די צווייטע סארט איז וואס מען פירט פונדערווייטענס, א חרב איז פנים אל פנים, דאגעגן א פייל קען אמאל זיין פון א באהלטענער ווינקל. קעגן דיביידע בחינות רעדט דער פסוק. ער זאגט אז די כח התפילה העלפט אין ביידע וועגן סיי קעגן אן אפענער שונא און סיי קעגן א באהאלטענער שונא וועלכע וויל אונז מנסה זיין און אונטערברענגען ווי די מקטרגים אדער קעגן די וואס ווילן אונז שטערן פון תורה ומצוות.

א שיינע בחינה ברענגט דער **'שפת אמת'** אראפ בשם דער בעל התניא, ער זאגט אז דער צושטעל פון תפילה צו א חרב און א קשת קומט מתאר צו זיין די צוויי כוחות וואס עס איז דא אין א תפילה. די תפילה וואס מיר דאווענען צעטיילט זיך אין צוויי חלקים, עס איז דא די חלק התפילה וואס מיר האבן פון די אנשי כנסת הגדולה און עס איז דא די תפילות וואס א איד דאווענט מעומקא דלבא. אינדערצייט וואס די תפילה פן די אנשי כנסת הגדולה איז צוגעגליכענט צו א חרב ווייל איר כח איז זייער גרויס און זייער שארף אז עס פארשניידט אלע שלעכטע כוחות איז די תפילה פון א יחיד, עס איז ווי פייל און נאר אז מען צילט מיט איר זייער שטארק קומט עס אן אין דעם ריכטיגן ארט און עס ברענגט די ריכטיגע רעזולטאט.

**רבי יוסף ישראל דייטש** דער בעל ה'בן גרני' זאגט א צווייטע בחינה, ער זאגט אז אין תפילה איז דא צוויי בחינה'ס. עס איז דא א תפילה אויף א שונא וואס איז שוין דא, ווי א מענטש איז שוין קראנק ל"ע, דאגעגן איז דא א צרה וואס איז נאכנישט אנגעקומען אבער עס קען אנקומען. אויף ביידע דארף מען מתפלל זיין. אויף די צרה וואס איז שוין געקומען זאגן חז"ל (ברכות י א): "אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים" אויף די צרה וואס איז נאכנישט אנגעקומען זאגן חז"ל (סנהדרין מד ב): "לעולם יקדים אדם תפילה לצרה" און די צוויי בחינה'ס פון תפילה איז מרומז אין דער פסוק. דער חרב איז קעגן א תפילה וואס איז שוין דא, ווייל נאר א שונא וואס איז שוין דא שטייט מיט א חרב, דאגעגן א צרה וואס איז נאכנישט אנגעקומען איז ווי א פייל וואס קומט פונדערווייטענס און קעגן איר דארף מען אויך דאווענען.

דער **'משך חכמה'** איז מדייק אז חז"ל זאגן אז דער "'חרבי' איז תפילה און דער 'קשתי' איז א בקשה". עס איז דא א הבדל צווישן די ביידע סארט תפילות. די תפילה איז דער נוסח וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען און דאס איז ווי א חרב וואס העלפט אייביג, אפילו אז עס איז נישט אזוי פונקט. דאגעגן איז דא דער 'בקשה' וואס ווייזט אויף די פערזענליכע תפילה און דאס דארף זיין מיט מער כוונה און איז דומה צו א קשת וועלכע מען דארף צילן מיט א מורא'דיגע פינקטליכקייט.

**רבי משה ליב שחור** מגדולי ירושלים האט צוגעלייגט אז לויט דער יסוד וואס דער 'משך חכמה' לייגט אראפ איז פארשטענדליך פארוואס די תורה איז מקדים דער חרב לקשת, ווייל ביי א מלחמה איז דער סדר אז מען האלט מלחמה ווען דער פיינט איז נאך ווייט און מען פראבירט אים אפצוהאלטן איידער ער קומט אן און נאר ווען ער איז דא באקעמפט אים פון דער נאנט. לויט דער מהלך וואלט געדארפט זיין אז עס זאל שטיין ערשט 'בקשתי' אבער די תורה שרייבט דווקא ערשט 'בחרבי' ווייל דא רעדט מען פון תפילה, ביי תפילה דארף מען ערשט דאווענען אויף די קביעות'דיגע בקשות און נאר שפעטער לייגט מען צו די איבריגע בקשות און וועגן דעם איז די תורה מקדים ערשט 'בחרבי' וועלכע ווייזט אויף די רעגלמענסיגע תפילות און נאר שפעטער קומט צוגיין די 'בקשתי' די ספעציעלע בקשות איבער וואס עס איז יעצט נוגע.

מהרש"א ב"ב קכג א; 'בינה לעיתים', עת הזמיר דרוש סב; סידור הרב דף כג ע"ב; 'שפת אמת' נח תרל"ה; 'בן גרני'; 'משך חכמה'; 'אבני שהם'

## המשך מעשי אמונים

פארבארגט און איך האב אנגעהויבן האנדלן. די געשעפט האט מצליח געווען, עס האט אריינגעברענגט שיינע איינקופטן אבער אינדערצווישן האט אויסגעבראכן די קריג. ווי נאר איך האב געהערט די נייעס, האב איך אנגעהויבן מורא צו האבן וואס גייט דא זיין, א מלחמה איז א מלחמה, עס איז א צייט פון אומסטאבליטעט, איך בין ארומגעגאנגען זייער פאר'דאגה'ט".

"איך קען דאך נישט אפשטעלן די קריג". זאגט דער איד.

"עס איז נאר געווען איין זאך וואס איך האב געקענט טון, איך האב געקענט דאווענען צום באשעפער אז ער זאל מיר העלפן און דאס האב איך געטון".

איך האב געדאווענט און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר'ן בורא כל העולמים און יענע טעג האט פאסירט א וואונדערליכער זאך. ווי יעדער ווייסט איז די וועלט ארויס יענער צייט אין א באקיאט קעגן רוסלאנד, די אימפארטירונג פון אנדערע לענדער איז געקומען צו א גענצליכער אפשטעל און צווישן די זאכן וואס מען האט אויפגעהערט אריינצוברענגען אין לאנד, האט זיך געציילט די פראדוקטן וואס איך פאבריציר.

ביז צו דאן האב איך זיך בעיקר פארמאסטן מיט אויסלענדישע פירמע, מיינע קאנקורענטן זענען געווען די אימפארטירטע פראדוקטן אבער די אימפארטירונג האט זיך אויפגעהערט בין איך געבליבן אליין אויפ'ן מארקעט.

זייענדיג דער סאמער איינציגסטער וואס שטעלט צו די פראדוקט איז געווארן א מאנגעל און יעדער האט אנגעהויבן זוכן דווקא מיין פראדוקט. אויפ'ן ארט האב איך געדאפלט מיין פראדוקציע, נישט קענענדיג נאכקומען די פארלאנג, האב איך געהערט די פרייזן אבער דער פארלאנג איז נאר געווארן גרעסער.

איך האב אנגעהויבן פארדינען ריזיגע געלטער, מיינע פארדינסטן זענען געווען געדאפעלט און געטריפעלט, איך האב געקענט באצאלן מיינע חובות שנעלער ווי איך האב געמיינט און נאך בלייבן זייטיג מיט גרויסע פארדינסטן.

"איך האב געזען אזא הצלחה און דאס אלעס איז געקומען מכח די תפילה, אז איך וויל אויסנוצן די שאנס צו דאנקען און צו לויבן". האט דער איד אויסגעפירט.

דערביי האט ער אנגעצייכענט אז אין סידור שטייט געשריבן אז ביי די מזמור פון 'לדוד מזמור' שטייט צוגעשריבן א תפילה אז מען בעט אויף פרנסה. ווען איך האב עס געזען האב איך געטראכט צו מיר אז איך מוז דאנקען הקב"ה און בעטן אויף ווייטער פארענט פון די אפענע ארון הקודש, איך האב געקויפט די 'פתיחה' און אט בין איך, דא דאנק איך הקב"ה פאר די גרויסע חסדים פארענט פון די אפענע ארון הק'.

'לקראת שבת מלכתא' גליון מס' 408

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### ש"י עולמות פאר די וואס ענטפערן 'אמן'

"וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת וַיִּקְרָא לִבְנוֹ לְיוֹסֵף וַיֹּאמֶר לוֹ אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם" (מז כט)

די גמרא אין מסכת סנהדרין (ק א) זאגט: "עתיד הקדוש ברוך הוא ליתן לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות, שנאמר (משלי ח כא): 'להנחיל אהבי יש [בגימטרייה שלוש מאות ועשר] ואצרתיהם אמלא'".

מען קען זאגן אז דער וואס ענטפערט אמן כהלכה איז ראוי צו דער תואר צדיק און עס וועלן געעפענט ווערן פאר אים די ש"י עולמות אין גן עדן ווי דער פסוק זאגט (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים".

עס קען זיין אז אויף דעם האט יעקב אבינו מרמז געווען איידער זיין פטירה. יעקב אבינו האט געזאגט די ווערטער "שים נא". אז מען וועט מדייק זיין וועט מען טרעפן אז די ווערטער "שים נא" איז די זעלבע אותיות ווי: "אמן ש"י", דאס איז א רמז אז ווער עס איז מקפיד אויף עניית אמן כהלכה איז זוכה אז ער ירשנ'ט ש"י עולמות בגן עדן ('ויבחר משה' לרבי משה חרירי, אות שי"ן ד"ה שים נא).

### א שמירה בזכות פון עניית אמן

הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ (מח טז)

זאגט דער**'אביר יעקב'**:

די ווארט "מַלְאָךְ" איז די זעלבע גימטריא ווי 'אמן'. דאס איז א רמז אז ווען א איד ענטפערט אמן איז ער זוכה צו א שמירה און צו ווערן באשוצט פון יעדער שלעכטער זאך, אזוי ווי יעקב האט זוכה געווען צו שמירה ווי ער האט מעיד געווען אויף זיך אליין אין די סדרה "המלאך הגאל אותי מכל רע" און אזוי ווי די יראי ה' זענען זוכה צו א שמירה ווי דער פסוק זאגט (תהלים לד ח): "חֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם".

מען קען מוסיף זיין נאך א רמז צו די שמירה עליונה וואס דער וואס זאגט אמן איז זוכה ווייל די ראשי תיבות פון דער פסוק : "אֲ-דֹנָי סָבִיב לִירֵאָיו" באטרעפט כמנין 'אמן' ('אלף בינה' תהלים לד ח).

### ספר בראשית בסוד אמן

"חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"

שרייבט דער לובלינער רבי האדמו"ר **רבי אברהם איגר מלובלין:**

אין די גאנצע סדר פון חומש בראשית איז דא צ"א פרשיות (סתומות ופתוחות) און דאס איז כמנין פון 'אמן'; עס איז א רמז אז כידוע איז דער חומש שמות די חומש וואו עס ליגט באהאלטן די שורש פון די אמונת ישראל עד סוף כל הדורות און אויך די מצוה פון 'אמן' איז דאך מרמז אויף אמונה, ווייל דער 'אמן' איז ראשי תיבות "א-ל מלך נאמן" און ווייל ביידע רעדן וועגן אמונה האבן זיי א קשר איינער צו די אנדערע. ('שבט מיהודה' תרס"ו).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער 'פני משה'
#### יב בטבת תקמ"א


די אלטע בית החיים אין די שטאט בראדי

דער בעל פני משה הגאון רבי משה מרגלית איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי שמעון אין די שטאט קיידאן אין די ליטע אין יאר ה'ת"ע. אין זיינע יונגע יארן האט ער געדינט ברבנות אין עטליכע קהילות אין די ליטע. אין די שפעטערע יארן ווען ער האט אנגעהויבן צו שרייבן זיין פירוש אויפ'ן ירושלמי האט ער אנגעהויבן ארומוואנדערן אין לענגאויס אייראפע זוכנדיג פאר פריערדיגע כתבי יד וועלכע וועלן אים העלפן שרייבן זיין פירוש.

רבי משה איז נאך ביז היינט גערעכענט אלץ איינס פון די גרעסטע מפרשים פון ירושלמי. זיין חיבור איז די איינציגסטער חיבור וואס נעמט ארום אלע פיר סדרים אין ירושלמי. זיין פירוש רעכענט אריין צוויי חלקים. די ערשטע איז 'פני משה' וועלכע איז מפרש דער פשוטער פשט פון דער ירושלמי, די צווייטע איז דער ספר 'מראה הפנים' וואו ער גייט אריין טיפער און טיפער אין די ווערטער פון דער הייליגער ירושלמי.

איבער זיין גרויסקייט אין תורה קען מען לערנען פון וואס ער שרייבט אליין אין זיין ספר

'מראה הפנים' אין מסכת שבועות (ז ו) און פאלגענד זענען זיינע ווערטער: "מעיד אני עלי שמים וארץ כי הפירוש על הש"ס הזה שפירשתי, הוא אחר החקירה והעיון והשקידה והיגיעה כי רבה... בכל חדרי הש"ס הזה ובכל התוספתא ובכל חדרי הש"ס הבבלי עם שיטות הגאונים ופירושיהם כפי אשר השיגה ידי וכוחי".

דער 'פני משה' איז נסתלק געווארן י"ב בטבת תקמ"א אין די שטאט בראדי זייענדיג אונטערוועגנס קיין ארץ ישראל. בנוגע צו זיי מקום קבורה האט מען געטראפן אן אינטערעסאנטער זאך אין די פנקס פון דער בית העלמין אין די שטאט בראדי און זאוי שטייט דארט: "בכ"א בטבת תקל"א נפטר הגאון מברודי רבי יוסף שצקס. קודם פטירתו אמר כי רצונו שאחר פטירתו יקברו לידו שכן שיהיה בקי בירושלמי כפי שהוא בקי כדי שיוכל לפלפל עימו. כעבור עשר שנים בא הגאון בעל 'פני משה' וספרו בידו למכרו, וחלה ונפטר ונקבר ליד הגר"י שצקס" ('שנות דור ודור' ח"ב עמ' קכב).

### דער וואס מאכט די ברכה - זאל אינזינען האבן יוצא צו זיין די חובה פון עניית אמן

די גמרא אין ירושלמי (ברכות ז ג) דערציילט אז ווען רבי זעירא האט מכבד געווען זיין תלמיד רבי אבא בר זמינא אז ער זאל מאכן א ברכה אויף די ווין האט ער אים געבעטן אז ער זאל אים אינזינען האבן מיט די ברכה. דערציילט די גמרא אז רבי אבא האט צוריקגעזאגט פאר זיין רבי אז אזוי ווי ער איז אים מוציא מיט די ברכה, זאל ער אים מוציא זיין מיט דער 'אמן' וואס ער גייט ענטפערן אויף די ברכה.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט רבי אבא בר זמינא געבעטן פאר זיין רבי ער זאל אים מוציא זיין מיט דער אמן - ער מאכט דאך די ברכה - פארוואס דארף ער ענטפערן דער אמן?

דער רמ"א אין ('דרכי משה' או"ח קסז) ברענגט אראפ די ירושלמי און ברענגט א ראיה פון די גמרא אז די חובה פון ענטפערן אמן ליגט אויך אויף דער מברך - ווייל דער 'אמן' איז א חלק פון די ברכה (רש"י ברכות מז א ד"ה עד) און ווייל א מענטש קען נישט ענטפערן אמן אויף זיינע אייגענע ברכות זאל ער הערן די אמן פון דעם צווייטן און יוצא זיין מדין 'שומע כעונה'.

דער 'פני משה' איז מבאר אנדערש (ירושלמי שם ד"ה אמר) ער זאגט אז לעולם ליגט די חובה פון ענטפערן אמן אויף דער וואס הערט די ברכה, אבער רבי אבא האט דא געוואלט יוצא זיין דער 'אמן' צוליב איר מעלה, ווייל חז"ל זאגן דאך (ברכות נז א) אז גדול העונה אמן יותר מן המברך, האט רבי אבא געוואלט האבן א חלק אויך אין דער עניית אמן און וועגן דעם האט ער געבעטן פון רבי זעירא אז ווען ער ענטפערט 'אמן' זאל ער אים יוצא זיין מדין "שומע כעונה".

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com